ה. לייוויק

# לוי יצחק באַרדיטשעווערס ווידערקול

נאָך אַלץ מיין קורצע שעה פון געבעט,
רבונו דעלמא.
נאָך אַלץ מיין שעה פון תפילה צו דיר.
וואָס־זשע שלאָגסטו מיך איבער אין מיטן
צו וואַרפן מיך ווידער אין גאַז־קאַמער?
רבונו דעלמא,
צי ווילסטו כ׳זאָל קומען אַ שטומער צו דיר,
נאָך איידער כ׳בין דערגאַנגען צום סוף?

כ׳האָב שוין איינמאָל געטענהט צו דיר,
רבונו דעלמא,
און נאָכדעם געלעגן פאַר דיר —
מאָל זיך אויס: אַ פאַרגאַנגענער אין פייער,
און נאָכדעם געפלאַטערט פאַר דיר —
מאָל זיך אויס: אַ שטויב אַש פון אַ קאַלכאויוון.
ווי לאַנג בין איך געלעגן פאַר דיר?
ווי לאַנג האָב איך געפלאַטערט פאַר דיר?
אפשר אַ שעה,
אפשר אַ יאָר,
אפשר אַ דור,
אפשר צען.

איך געדענק —
דו האָסט איינמאָל געצאָרנט, געזאָגט:
אפילו אַז דו ביסט ליים,
אפילו אַז דו ביסט אַש,
אפילו אַז דו ביסט שטויב,

פאַרזאָג איך דיך ווידער צו אויפשטיין,
און גיי צוריק, — צוריק צום פאָלק,
און ווייטער זיין דער וואָס אַמאָל —
דער טענה׳ער,
דער מליץ־יושר,
דער מנגן.
אויף לאַנג?
אפשר אויף אַ שעה,
אפשר אויף אַ יאָר,
אפשר אויף אַ דור,
אפשר אויף צען.

איז אָט איז זי — די שעה, רבונו דעלמא,
מיין שעה פון געבעט און פון תפילה.
וואָס־זשע שלאָגסטו מיך איבער אין מיטן,
נאָך איידער כ׳בין געקומען צום סוף?
וואָס יאָגסטו מיך ווידער שוין האַסטיק צום פייער,
צום שייטער, צום גאַז־קאַמער?
פאַרוואָס אַזאַ איילעניש, טאַטע־פאָטער?
צי איך וועל פאַרזאַמען, פאַרשפּעטיקן?
צי בין איך וועגן אַנטלאָפן פון פאַר דיר?
צי גיי איך ניט אייביק דיר אַנטקעגן דורך אַלע פייערן?
אַביסל געדולד, בורא עולם,
צו מיר — צו מיין שעה צו מיין קורצער;
אַביסל אמונה אין מיר,
אַביסל בטחון אין מיר.
אויך דו, בורא עולם, מעגסט האָבן אַביסל אמונה.
אויך דו,
אויך דו.